**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פארעפנט לאנד-פירנדע פלאן צו צושטעלן גענצליך באצאלטע עלטערנס-אורלויב צייט פאר ניו יארק סטעיט ארבעטער**

***מער ווי 10,000 ניו יארק סטעיט ארבעטער וואס ווערן נישט פארטרעטן זענען בארעכטיגט צו באקומען 12 וואכן פון גענצליך באצאלטע עלטערן אורלויב***

***גאווערנער'ס פאליסי בולעטין אווײלעבל [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן א לאנד-פירנדע פלאן צוצושטעלן גענצליך באצאלטע עלטערן אורלויב בענעפיטן פאר ניו יארק סטעיט ארבעטער. די גאווערנער האט געמאלדן אין א פאליסי בולעטין אז איבער 10,000 ארבעטער וואס ווערן נישט פארטרעטן וועלן זיין בארעכטיגט צו באקומען 12 וואכן פון גענצליך באצאלטע אורלויב צו נוצן אויף צו שאפן א קשר מיט א ניי-געבוירנס, נישט אייגנס-אויפגעצויגן אדער אדאפטירט קינד. די מערהייט פון די ארבעטער וועלן קענען נעמען די אורלויב אנגעהויבן פון היינט.

"די איבערגעגעבענע ניו יארקער וועלן העלפן אונזער סטעיט זיך רוקן זאלן נישט ווערן געצוואונגען צו אויסוועלן צווישן א פעי-טשעק און קעיר נעמען פון זייער קינד, און די פאליסי וועט אוועקשטעלן ניו יארק סטעיט אלס ביישפיל פאר העלפן פאמיליעס וואס ארבעטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו געבן פאר אונזער פובליק ארבעטער די שטיצע וואס זיי דארפן ווייל עס איז נישט בלויז גוט פאר זייער פאמיליעס, עס איז גוטע פאליסי."

כאטש די גוט-דאקומענטירע פאזיטיווע בענעפיטן פון באצאלטע עלטערן אורלויב פאר מוטערליכע און אינפענט געזונט, ווי אויך פאמיליע עקאנאמישע זיכערהייט און ארבעטער אנהאלטונג, איז די פאראייניגטע שטאטן די איינציגסטע אנטוויקלטע מדינה אין די וועלט אן א נאציאנאלע באצאלטע עלטערן אורלויב פאליסי. נייע עלטערן און קעירגעבערס זענען אנגעוואנדן אין פארשידענע פעדעראלע, סטעיט, און לאקאלע אורלויב פאליסיס, אין צוגאב צו סיי וועלכע ארבעטסגעבער-באצאלטע בענעפיטן.

גאווערנער האקול האט ערשט [אנאנסירט]() די פלאן אלס א טייל פון איר 2023 סטעיט אוו די סטעיט. די אפיס פון ארבעטער באציאונגען (OER) און די דעפארטמענט פון ציווילע סערוויסעס האבן זייט דעמאלס געארבעט צו אוועקשטעלן די פראגראם און עס מאכן אווײלעבל פאר סטעיט ארבעטער וועלכע ווערן נישט פארטרעטן. אונטער די פאליסי ארויסגעגעבן היינט, וועלן אלע עקזעקיוטיוו ברענטש ארבעטער וועלכע ווערן נישט פארטרעטן וואס ארבעטן פול-טיים אדער וואס ארבעטן כאטש 50 פראצענט פארט-טיים בארעכטיגט פאר די בענעפיט, מיט בארעכטיגונג זיך אנהויבנדיג אויף זייער ערשטע טאג פון דינסט. OER וועט זיך ווייטער אויסקומען מיט סטעיט יוניונס צו פארלענגערן די בענעפיט צו זייער ארבעטער דורך פאראייניגטע פארהאנדלונג.

**אפיס פון ארבעטער באציאונגען דירעקטאר מייקאל וואלפארטה האט געזאגט,** "באצאלטע עלטערן אורלויב וועט מאכן א באדייטנדע אונטערשייד צו פאמיליעס וואס ארבעטן דורך העלפן עלטערן קעיר נעמען פון זייער קינדער אין די שרעק פון פארלירן א פעי-טשעק. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, טו איך פאראויסקוקן צו ארבעטן מיט אונזער יוניאן שותפים צו געבן פולע-באצאלטע פאמיליע אורלויב צו די ניו יארק סטעיט ארבעטער."

**ניו יארק סטעיט ציווילע סערוויס קאמישענער טימאטי ר. האגיוס האט געזאגט,** "פארשלאגן באצאלטע עלטערן אורלויב צו ניו יארק סטעיט'ס ארבעטסקראפט וועט ריכטיג ארויסהעלפן שווער ארבעטנדע פובליק ארבעטער צו צושטעלן פאר זייער קינדער און מאכן שטארקע פאמיליע קשרים. דאס איז בלויז איינס פון די פילע שריט וועלכע גאווערנער האקול נעמט צו העלפן פארשטערקערן און שטיצן ניו יארק סטעיט'ס איבערגעגעבענע פובליק ארבעטסקראפט, און די דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס איז צופרידן צו פאראויס רוקן די גאווערנער'ס פלאן."

ניו יארק סטעיט האט לאנג געפירט אויף עלטערן און פאמיליע אורלויב בענעפיטן, דורכפירנדיג די סטעיטווייד באצאלטע פאמיליע אורלויב (PFL) געזעץ אין 2016. אין 2021, האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו אויסברייטערן די געזעץ אריינצורעכענען אראפצונעמען צייט אויף אויפצופאסן פאר ערנסט קראנקע געשוויסטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418